**אויף באלדיגע פובליקירונג:** 9/27/2021 **גאווערנאר קעטי האוקאל**

# גאווערנאר האוקאל אנאנסירט צוויי נייע צייטווייליגע 'פּאַפּ-אָפּ' וואקסינאציע פלעצער אין צוזאמענארבעט מיט MTA ביי ברוקלין און בראנקס סאבוועי סטאנציעס

***פלעצער ביי בראדוועי דזשאָנקשען און איסט 180 סטריט סאבוועי סטאנציעס סטראטעגיש אויפגעשטעלט אין געגנטער מיט נידעריגע וואקסינאציע ראטעס און נעמען אויף אן אפוינטמענטס פון מיטוואך, סעפטעמבער 29***

***34,345 מענטשן וואקסינירט ביי MTA פּאַפּ-אָפּ פלעצער זינט אנהויב פון פראגראם אום מאי 12***

***יעדער וואס באקומט א וואקסין פון איין דאזע ביי MTA פלעצער בארעכטיגט צו באקומען אומזיסטע 7-טאגיגע מעטראָו קארטל אדער ראַונד-טריפּ LIRR אדער מעטראָו-נאָרט בילעט***

גאווערנאר האוקאל האט היינט אנאנסירט צוויי נייע צייטווייליגע 'פּאַפּ-אָפּ' וואקסינאציע פלעצער אין צוזאמענארבעט מיט די מעטראפאליטען טראנספארטאציע אויטאריטעט (Metropolitan Transportation Authority, MTA). די פלעצער וועלן אויפגעשטעלט ווערן ביי די בראדוועי דזשאָנקשען און איסט 180 סטריט סאבוועי סטאנציעס, סטראטעגיש אויפגעשטעלט אין געגנטער מיט נידעריגע וואקסינאציע ראטעס. די סוקסעספולע פראגראם האט געברענגט פּאַפּ-אָפּ פלעצער ביי MTA סטאנציעס האט זיך געעפנט אום מאי 12, אין אנהויב ביי אכט סטאנציעס איבער ניו יארק סיטי טראנזיט, לאנג איילענד רעיל ראָוד און מעטראָו-נאָרט רעילראָוד, צושטעלנדיג פארן פובליק די דזשאנסאן ענד דזשאנסאן וואקסין וואס באשטייט פון איין דאזע. ביז נעכטן זענען 34,345 מענטשן שוין וואקסינירט געווארן ביי די פלעצער זינט די פראגראם האט זיך געעפנט. די פראגראם שטעלט צו פאר יעדן, אריינרעכענענדיג מענטשן וועלכע באזוכן נאר ניו יארק, די געלעגנהייט צו וואקסינירט ווערן אן דארפן מאכן אן אפוינטמענט, און מיט א באלוינונג פון אן אומזיסטע 7-טאגיגע מעטראָו קארטל אדער אן אומזיסטע ראַונד-טריפּ LIRR אדער מעטראָו-נאָרט בילעט. אום יוני 17 איז די פראגראם פארברייטערט געווארן ביי מידטאַון טראנזיט האָבּ גרענד צענטראל טערמינאל און פען סטאנציע.

"מער מענטשן קערן זיך צוריק צו די ארבעטספלאץ פנים אל פנים, און מיט די אויפשטייג אין פאסאנזשירן אויף די MTA סיסטעם, האבן מיר א געוואלדיגע געלעגנהייט צו אנקומען צו נאך מער מענטשן מיט צייטווייליגע 'פּאַפּ-אָפּ' פלעצער ביי סטאנציעס", **האט גאווערנאר האוקאל געזאגט.** "אויב איר דארפט נאך באקומען אייער שאָט, און איר גייט אריבער איינע פון די סטאנציעס, קענט איר פשוט אריינקומען צו באקומען די וואקסין וואס באשטייט פון איין דאזע און ממשיך זיין אויף אייער וועג. עס איז אזוי געשליפן, און עס איז די בעסטע זאך וואס איר קענט טוהן צו בעסער באשיצן זיך אליין און אנדערע פון קאוויד-19."

די נייע פלעצער ביי בראדוועי דזשאָנקשען און ביי איסט 180 סטריט וועלן ציהלן ניו יארקער אין צוויי קאמיוניטיס וואו וואקסינאציע ראטעס זענען נידעריג. די בראדוועי דזשאָנקשען סטאנציע אין ברוקלין דינט די **A-C-L-J-Z** סאבוועי ליניעס, גיבנדיג איינוואוינער פון ברוקלין און קווינס גרינגע צוטריט צו די

נייע פלאץ. די איסט 180 סטריט סטאנציע אין די בראנקס דינט די **2-5** ליניעס, וואו וואקסינאציע ראטעס זענען נאכאלץ די נידעריגסטע.ביידע פלעצער וועלן זיין אפן פון מאנטאג ביז פרייטאג.

די אפעראציע ביי איסט 180 סטריט וועט זיין אפן יעדן טאג פון 8:00 צופרי ביז 1:00 מיטאג. די בראודוועי דזשאָנקשען פלאץ וועט זיין אפן צווישן 3:00 נאכמיטאג און 8:00 אוונט.

צוויי עקזיסטירנדע פלעצער ביי פען סטאנציע און ביי גרענד צענטראל טערמינאל וועלן בלייבן אפן ביז דינסטאג, סעפטעמבער 28, בעפארן אריבערוקן זייערע עקוויפמענט צו בראודוועי דזשאָנקשען און איסט 180 סטריט די קומענדיגע טאג.

פארמערן וואקסינאציע ראטעס איז קריטיש וויכטיג צו פארזיכערן אז ניו יארק'ס ערהוילונג בלייבט אויף די רעלסן", **האט דזשאַנאָ ליבער, MTA עקטינג טשעירמאן און CEO, געזאגט.** "מיר פירן ווידעראמאל דריי מיליאן מענטשן א טאג אויף די סאבוועיס. דורכן אויפשטעלן צייטווייליגע 'פּאַפּ-אָפּ' פלעצער ביי צוויי פון די מערסט פארנומענע סטאנציעס אין די סיסטעם, ברענגען מיר די וואקסין גלייך צו ניו יארקער וועלכע וואלטן אנדערש זיך מעגליך נישט געקענט ערלויבן צו נעמען די צייט צו באקומען די וואקסין. ווי מער מענטשן זענען וואקסינירט, אלץ זיכערער איז אונזער סטעיט פאר יעדן, און מיר וועלן ווייטער ארבעטן מיט גאווערנאר האוקאל צו אונטערנעמען אלע מעגליכע וועגן צו פארטיילן די וואקסין."

"די וואקסין איז ווייטער די מערסט ווירקזאמע שטער פאר קאוויד-19", **האט פעטריק ווארען, MTA טשיעף זיכערהייט אפיציר, געזאגט.** "שטופן פאר א זיכערע אטמאספערע איז אונזער העכסטע פריאריטעט, און מיר קוקן ארויס צו זעהן מער ניו יארקער אין די סאבוועי סיסטעם אויסנוצנדיג די געלעגנהייט פון די וויכטיגע פראגראם און זיך באשיצן אליין און זייערע באליבטע פון די ווירוס."

די MTA איז ממשיך צו מפרסם זיין מעדלונגען צו וויסן לאזן דעם פובליק איבער די נייע פלעצער. דיגיטאלע מעלדונגען ווערן ווייטער אויפגעשפילט אויף 12,000 סקרינס ביי MTA סטאנציעס, אויף באן וואגאנען און אויף באסעס צו מפרסם זיין די פלעצער לאקאציעס און שעה'ן ווען זיי זענען אפן. אדווערטייזמענטס ווערן אויך פארעפענטליכט צו איבער דריי מיליאן פאַלאָווער איבער די MTA סאָושעל מידיע פלאטפארמעס, און שילדן מיט דירעקציעס זענען אויפגעהאנגען ביי סטאנציעס וואו די 'פּאַפּ-אָפּ' פלעצער זענען אויפגעשטעלט צו אנווייזן די פאסאנזשירן.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו קאמער | 518.474.8418 | press.office@exec.ny.gov

זיך אויסשרייבן